# אפענע ישועות אין זכות פון שטיצן "חסדי טובים מאורות"

## ספעציעל אין ענין פון טרעפן זיווגים למזל טוב

גייט א קינד אויפן גאס מיט א מטבע אין האנט. ער גייט זיך לוסטיג און צופרידן זיין וועג. אודאי איז ער פרייליך, ער האט ערשט באקומען פונעם רייכן פעטער א שיינע סומע חנוכה געלט, א גאנצן הונדערטער! - דאס פנים שטראלט אים פון גליק, וואר איז זיינס גלייכן.

א פאר פיפיגע אויגן האבן אבער באמערקט די שמחה פון קינד, און מיט שנעלע טריט דערנענטערט זיך יענער פארשוין, און הויבט אן פארפירן א שמועס מיטן נאאיוון יונגעל. ער באמערקט שנעל דעם הונדערטער, וואס דאס קינד האט נישט פארספייעט צו באהאלטן, און אין הארצן טראכט ער שנעל א פלאן, וויאזוי עס צו דערווישן.

ער שטרעקט אויס פארן קינד א געוויסע נייע 'סי-די' טעיפ, און זאגט אים: "איך האב דא א מציאה רבה, א טייערע נייע סי-די טעיפ, אבער איך גיב עס דיר אוועק זייער גערן, נאר דערלאנג מיר אהער דעם הונדערטער..."

דאס קינד ווייסט נישט צו שאצן די ווערד פון זיין געלט, ער גיט אים איבער די הונדערטער פארן נארישן צען דאלאר'דיגן סי-די טעיפ, און דער שווינדלער ווערט באלד נעלם...

יא, עס איז געווען א שווינדל, פארוואס? - ווייל ער האט אים געגעבן וואס איז צען דאלאר ווערד, און דערפאר גענומען א הונדערט דאלאר ביל.

ווען א איד שטרעקט אויס א קוואדער פאר צדקה, לערנען אונז חכמינו ז"ל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, עס איז נישטא קיין פרייז וואס זאל עס באצאלן. וואס וואלט געוואלט א מענטש באקומען דערפאר שכר? - א הויז, א גאס מיט הייזער, א שטאט, א לאנד, גאנץ אמעריקע, און וואס נאך...

דער מענטשליכער שכל וואלט געזאגט, פאר די קוואדער וואלט מיר גענוג געווען אפילו איין געביידע. איך דארף נישט מער, נאר דאס איינע, כדי איך זאל קענען אויסלעבן מיינע יארן מיט פרנסה בריוח. אבער די חכמינו ז"ל זאגן ניין, מען טוישט נישט אויף קיין גרויס געלט פאר א נארישע סי-די, און כל שכן אז מען טוישט נישט אויף אן אוצר פון שכר בעולם הבא פאר קיין עולם הזה זאכן.

כל חפציך לא ישוו בה!

קיין שום ערך אין דער וועלט גרייכט נישט צו די איינע קוואדער פאר צדקה, דערפאר איז 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'.

*

"חסדי טובים מאורות" פארקויפט גורלות, פאר א נדבה פון א פאר דאלאר קענסטו זיין דער גליקליכער געווינער פון צען טויזנט דאלאר! - עס איז טאקע א גרויס געווינס, אבער כל חפציך לא ישוו בה, דער שכר איז פיל פאכיג מער.

"חסדי טובים מאורות" איז זוכה צו משפיע זיין ישועות, אידן וואס שטיצן די הייליגע ארגאניזאציע זאגן עדות אז זיי ווערן געהאלפן מיט גרויסע זאכן! - טאקע געוואלדיג, אבער כל חפציך לא ישוו בה, דער שכר איז פיל פאכיג מער.

דאך, דארף מען פובליצירן גורלות, און דאך דארף מען רעדן פון ישועות, ווייל כדי איבערצוצרעדן א מענטש אז ער זאל זיך שטארקן קעגן די טבע פון נישט וועלן געבן, מוז מען אים צוטיילן א מתן שכרו בצדו, אז דער יצר הרע זאל אויך מסכים זיין.

אבער דער עיקר שכר איז אודאי בעולם הבא, ווייל כל חפציך לא ישוו בה.

איז אבער וויכטיג צו באמערקן, אז אין די לעצטע צייטן איז "חסדי טובים מאורות" זוכה צו א פלייץ פון ישועות ספעציעל אין ענין פון טרעפן זיווגים. די אידן וואס האבן געהאלפן די ארגאניזאציע פארציילן וואונדערליכע זאכן, אז אין זכות פון זייערע פעולות זענען זיי געהאלפן געווארן, אויף אויסערגעוועהנליכע אופנים. אט ווי איר לייענט ווייטער:

## לעיקוואוד:

גליקליכע עלטערן פון לעיקוואוד האבן אריינגערופן אין אפיס פון "חסדי טובים מאורות" מיט די בשורה טובה, אז זייער טאכטער וואס האט אסאך געטון פאר די ארגאניזאציע איז ב"ה א כלה געווארן.

דאס מיידל האט זיך אונטערגענומען צו העלפן "חסדי טובים מאורות" נאכדעם וואס איר חבר'טע האט געשאפן אסאך געלט דערפאר, און איז ב"ה א כלה געווארן, און באלד דערנאך חתונה געהאט בשעטו"מ, האט די צווייטע מיידל געזאגט אז זי וויל אויך אזוי טון.

די צווייטע מיידל האט אנגעהויבן טון דערין, און דער זכות איז איר טאקע בייגעשטאנען, אז זי איז א כלה געווארן מיט גאר א חשובן בחור בשעטו"מ. די כלה תחי' האט איצט נאכן שידוך זיך אונטערגענומען אויך ווייטער צו טון פאר "חסדי טובים מאורות" און העלפן מיט וואס נאר מעגליך.

## לאנדאן:

גרויס שמחה הערשט ביי א געוויסע פאמיליע פון לאנדאן, נאכדעם וואס די טאכטער איז א כלה געווארן אין א מזל'דיגע שעה, אין זכות פון העלפן "חסדי טובים מאורות".

די משפחה האט א צייט צוריק זיך געלאזט אנטראגן א שידוך וואס זיי האבן שטארק חשק געהאט דערפאר, אבער דער צווייטער צד האט נישט געהאט מסכים געווען. אזוי האט זיך עס געצויגן במשך פון א דריי פערטל יאר, ווען עס האט אויסגעזעהן ווי דער שידוך איז כמעט אראפ פון טיש.

די דאזיגע משפחה איז געווען נאנט צו "חסדי טובים מאורות", נאכדעם וואס זיי האבן אסאך געהאלפן אין עבר. איצט האבן זיי זיך אויך אנגעטראגן גרייט צו העלפן, און האבן זיך איין נאכט אוועקגעזעצט אויסארבייטן א פלאן, וויאזוי זיי וועלן בייהילפיג זיין. זיי האבן באשלאסן ארויסצושיקן א מעילינג פאר זייערע באקאנטע, וואס וועט האפנטליך ברענגען פאזיטיווע רעזולטאטן.

אין די זעלבע נאכט נאכן אויסארבייטן דעם פלאן רופט פלוצים אן דער שדכן, אז דער שידוך וואס מען האט אנגעטראגן דריי פערטל יאר צוריק האט זיך אנגעהויבן רירן, און יענער צד וויל גיין ווייטער.

אט אזוי איז די שידוך געווארן בשעטו"מ, ווען עס שיינט ארויס בחוש, אז דאס איז געקומען אין זכות פון די פעולות פאר "חסדי טובים מאורות".

## בענסענהוירסט:

גרויס שמחה הערשט ביי א געוויסע פאמיליע אין בענסענהוירסט, ווען די טאכטער תחי' איז א כלה געווארן מיט גאר א חשובן בחור שיחי'. אויך ווארשיינליך אין זכות פון העלפן "חסדי טובים מאורות".

דארט איז געווען די מעשה, אז די משפחה האט זייער געצויגן אויף א געוויסן שידוך, א חשובן בחור א כליל המעלות. אבער די שדכנים האבן גע'טענה'ט: "רעדט אייך נישט איין אז יענער וועט אייך וועלן, ווייל גרויסע ראשי ישיבות לויפן נאך דעם בחור!"

אין דער זעלבער צייט האט די משפחה זיך אונטערגענומען צו העלפן "חסדי טובים מאורות", און האבן באלד אריינגעשיקט א דעפאזיט פון 500 דאלאר. השי"ת האט געהאלפן און די עלטערן פונעם אויסגערופענעם בחור האבן מיטאמאל איינגעשטימט צום שידוך, און זי איז ב"ה א כלה געווארן, טאקע מיט וועמען זיי האבן געוואלט, בשעטו"מ.

נאכן שידוך האט די משפחה געדענקט "חסדי טובים מאורות" און האבן באלד אריינגעשיקט נאך טויזנט דאלאר.

## וויליאמסבורג:

גרויס שמחה הערשט ביי א פיינע משפחה אין וויליאמסבורג, ווען די טאכטער, אן עלטערע מיידל, איז ב"ה א כלה געווארן.

די דאזיגע משפחה האט אסאך געהאלפן "חסדי טובים מאורות", אבער מיט עטליכע וואכן

# אפענע ישועות אין זכות פון שטיצן "חסדי טובים מאורות"

**ספעציעל אין ענין פון טרעפן זיווגים למזל טוב**

צוריק האבן זיי ווידער אריינגעשיקט א סומע געלט, דאסמאל 360 דאלאר, און געבעטן מען זאל אינזינען האבן די טאכטער, אן עלטערע מיידל, מיט א ישועה.

האט דער מנהל הרה"ח ר' טובי' מאיר שליט"א געזאגט, אז איצט גרייט מען זיך צו די נסיעה קיין מירון און עמוקה אויף חמשה עשר בשבט, און מען וועט איר דארט מזכיר זיין.

עס איז אדורך צוויי וואכן, און אין טאג פון כ"ט שבט איז דאס מיידל אין א מזל'דיגע שעה א כלה געווארן בשעטו"מ. די משפחה האט תיכף דערנאך געשיקט די סומע פון 500 דאלאר, אלס א הוספה, פאר "חסדי טובים מאורות".

## אנטווערפן:

"ממש א נס!" האט די גליקליכע כלה פון אנטווערפן געזאגט נאכן טרינקען לחיים, ווען זי איז א כלה געווארן מיט איר באשערטן חתן שיחי'.

די דאזיגע כלה האט זיך א צייט צוריק אונטערגענומען צו העלפן "חסדי טובים מאורות", אויפן ארט פון איר חבר'טע וועלכע האט אויך געהאלפן די ארגאניזאציע, און האט א דאנק דעם געטון גאר א פיינעם שידוך.

די מעשה מיט די חבר'טע גייט ווי פאלגנד:

דאס מיידל פלעגט אסאך העלפן "חסדי טובים מאורות", און איז געשטאנען אין כסדר'דיגן קאנטאקט מיטן מנהל הרה"ח ר' טובי' מאיר ניימאן הי"ו. איינמאל האט זיך געהאנדלט א שידוך מיט גאר א וואוילן בחור, וועלכער איז געווען א קאזין, אבער עס איז געווען א שאלה אויף די נעמען, צוליב צוואת רבי יהודה החסיד.

האבן די עלטערן אנגערופן ר' טובי' מאיר און אים געבעטן אריינצוגיין צום טאהשער רבי'ן, און פרעגן די שאלה. די עלטערן האבן דערביי באטאנט, אז מען זאל זאגן פארן רבי'ן אז עס ציהט זיי זייער שטארק דער שידוך.

ווען ר' טובי' מאיר איז אריין צום רבי'ן מיט די שליחות, האט דער רבי געענטפערט, מען זאל פרעגן נאך א גדול, און אויב יענער גדול איז מסכים וועט ער אויך איינשטימען צום שידוך.

ווען ר' טובי' מאיר האט אנגערופן קיין אנטווערפן, האבן זיי געענטפערט אז זיי האבן שוין געפרעגט כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א, און דער פשעווארסקער רבי האט געענטפערט די זעלבע זאך, אז ער איז מסכים מיטן צושטימונג פון נאך א גדול.

ווען מען האט איבערגעגעבן די תשובה פארן רבי'ן שליט"א, האט דער רבי ווארים אנגעוואונטשן, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן אין א מזל'דיגע שעה. ־ אזוי ארום האט זי א דאנק איר קשר מיט "חסדי טובים מאורות" זוכה געווען צו טון א פיינעם שידוך.

ווען זי האט חתונה געהאט האט איר חבר'טע איבערגענומען די ארבייט, אנצופירן דעם קאמפיין לטובת "חסדי טובים מאורות". איצט האט די חבר'טע געדארפט א שידוך טון, און עס האט זיך נישט באלד געפירט דער שידוך וואס זיי האבן געוואלט.

אבער דאך, נאכן אויסשטרעקן הילף פאר "חסדי טובים מאורות" האט השי"ת געהאלפן און דער שידוך איז יא געווארן. און ווי די כלה זאגט איז עס געווען ממש א נס, וואס זי איז תולה אין זכות פון העלפן "חסדי טובים מאורות".

ווען ר' טובי' מאיר האט אנגערופן די עלטערן זאגן מזל טוב, האבן זיי אויך געזאגט אז דאס איז ממש געווען א מופת, און אלעס אין זכות פונעם רבי'נס ברכה פאר "חסדי טובים מאורות".

*

ווער עס האט נאר אביסל אפענע אויגן זעהט דעם יד ד' וואס באגלייט "חסדי טובים מאורות", אט אזוי ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געזאגט: "ווער עס וועט ארויסהעלפן טובים מאורות וועט זעהן א ישועה למעלה מדרך הטבע!"

און דאס איז וואס פאסירט דא, אז אידן ווערן געהאלפן איינס נאכן אנדערן, אין זכות פון העלפן "חסדי טובים מאורות", בכוחו ובזכותו של אותו זקן.

אבער דאך איז וויכטיג אנצומערקן, אז דאס וואס מיר זענען זוכה צו זעהן אזעלכע אפענע זאכן דוקא אין ענין פון זיווגים, איז אפשר צוליב א געוואלדיגן חסד וואס "חסדי טובים מאורות" האט איצט זוכה געווען צו פארענדיגן, אויך אין ענין פון זיווגים.

עס איז פאראן א משפחה אין ירושלים וועלכע האט במשך פון אסאך יארן ליידער גאר אסאך מיטגעמאכט, דער טאטע איז נישט געווען געזונט, די מאמע איז געווען צו שוואך, און די גאנצע שטוב איז געווען פארלאזט. ווען "חסדי טובים מאורות" איז דערפון געוואויר געווארן האט זיך דער מנהל ר' טובי' מאיר אריינגעלייגט בלב ובנפש צו שטעלן די משפחה אויף די פיס.

מען האט אויפגעפיקסט די דירה, מען האט באזארגט די עלטערן מיט נויטיגע הילף, און בעיקר האט מען זיך אפגעגעבן מיט די קינדער. ר' טובי' מאיר האט גענומען די צובראכענע קינדער ממש ווי אייגענע, ער האט זיך פאר זיי געזארגט פאר אלע זייערע געברויכן, און געטראגן דעם עול פון זייער חינוך און אנטוויקלונג, ממש ווי ער וואלט געווען זייער טאטע.

יעדעס קינד באזונדער האט געקאסט אסאך מיה און הארעוואניע און אויך אסאך געלט, צוליב די שוועריקייטן וואס זיי זענען דורך אין די יונגע יארן. אבער מיט זיין ווארים הארץ און גרויס אנטשלאסנקייט האט ר' טובי' מאיר באוויזן זיי אוועקצושטעלן אויפן בעסטן אופן, און אויך יא, זיי חתונה מאכן.

ר' טובי' מאיר האט זיי פארזארגט מיט די בעסטע שידוכים, און האט צוגעשטעלט הוצאות החתונה. אט אזוי גייט עס שוין אן קרוב צו צען יאר. ־ כאטש אינצווישן איז ליידער דער טאטע פון די קינדער אוועק פון דער וועלט ל"ע, זענען אבער די קינדער נישט געווארן געפאלן, ווייל "חסדי טובים מאורות" איז געשטאנען זיי כסדר צו הילף.

ערשט לעצטנס האט ר' טובי' מאיר זוכה געווען צו חתונה מאכן איין טאכטער, און באלד דערויף איז די יונגסטע טאכטער א כלה געווארן. אזוי ארום האבן אלע טעכטער שוין זוכה געווען צו זייער באשערטן. אויסער די צוויי יונגערע ברידער, וועלכע לערנען נאך אין ישיבה.

דערפאר, נאכדעם וואס "חסדי טובים מאורות" האט זוכה געווען צו אפווישן די טרערן פון די אומגליקליכע מיידלעך, אז יעדער איינער פון זיי האלט שוין נאכן טרעפן זייער זיווג, און אלע חוץ די יונגסטע האלטן שוין אויך נאך די חתונה, האט מען אין הימל ווארשיינליך זיך גערעכנט דערמיט, און די אידן וואס האבן א חלק דערין, דורך העלפן די פעולות פון "חסדי טובים מאורות", זענען דערפאר אויך זוכה צו א ישועה אין ענין פון זיווגים.

*

וואס לערנט אונז דאס אלעס? ־ אז ווען מען העלפט אנדערע ווערט מען אליין געהאלפן. און העלפן אנדערע קען מען דורך "חסדי טובים מאורות", וועלכע קומט באגלייט מיט גאר גרויסע זכותים, און א באזונדערע ברכת צדיק.

דעריבער, ווער עס וויל ארויסהעלפן "חסדי טובים מאורות" זאל זיך ווענדן צום אפיס, אויפן טעלעפאן נומער: 514-992-3275, און זיך אנטראגן מיט הילף.

און וויסן זאלט איר, אז יעדער קען העלפן, סיי יונג און סיי אלט, סיי מענער און סיי פרויען, מען דארף נאר אויסארבייטן א וועג וויאזוי. און יעדער קען זיך אויסקלויבן וועלכע וועג איז אים מער געאייגנט: גיין נאך געלט, פארקויפן גורלות, אדער ארויסשיקן א מעילינג אד"ג.

אבער געדענקט: העלפן "חסדי טובים מאורות" איז א הילף פאר זיך זעלבסט, ווייל מען זעהט די ישועות בחוש, אפען ביז גאר! אבער דער עיקר שכר איז אודאי בעולם הבא, ווייל כל חפציך לא ישוו בה!

## קומענדיגער גליון "אורה ושמחה"

וועט ערשיינען אי"ה ערב שב"ק פ' פקודי-שקלים הבעל"ט באגלייט מיט א רייכן אינהאלט ווי פאלגענד:

א באזוך ביי קרויס שטריימעלך

*

א הספד אויפן פעדער

*

צוויי שידוכים געשלאסן פרייטאג נאכמיטאג

צוואנציג מינוט פארן זמן הדלה"נ

*

אשה צדקנית בדרך נס געקומען לקבורה נעבן טאטנס קבר

שטיצערין פון "חסדי טובים מאורות"

*

און נאך...